זיין עצה, און צו מאַכן איין דעה, און צו געבן
זייער קעניגרייך צו דער חיה, ביז ג־טס ווערטער
18 וועלן דערפֿילט ווערן. און די פֿרוי, וואָס דו האָסט
געזען, איז די גרויסע שטאָט, וואָס האָט אַ
מלכות איבער די מלכים פֿון דער ערד.

## קאַפּיטל אַכצן

1 נאָך דעם האָב איך געזען אַן אַנדערן מלאך אַראָפּ־
קומען פֿון הימל, האָבנדיק גרויס מאַכט; און די
ערד איז דערלויכט געוואָרן פֿון זיין הערלעכקייט.
2 און ער האָט אַ געשריי געטון מיט אַ שטאַרק קול,
אַזוי צו זאָגן: געפֿאַלן, געפֿאַלן איז בבל די גרויסע,
און געוואָרן איז זי אַ וואוינונג פֿאַר טייוולאָנים,
און אַ געפֿענקעניש פֿאַר יעדן אומריינעם גייסט,
און אַ תּפֿיסה פֿאַר איטלעכן אומריינעם און העס־
3 לעכן פֿויגל! מחמת פֿון דעם צאָרנווייַן פֿון איר
זנות זענען געפֿאַלן אַלע פֿעלקער; און אַלע מלכים
פֿון דער ערד האָבן מזנה געווען מיט איר, און פֿון
דער שפֿע פֿון אירע תּענוגים זענען די סוחרים פֿון
דער ערד רייך געוואָרן.
4 און איך האָב געהערט אַן אַנדער קול פֿון הימל
זאָגן: קומט אַרויס פֿון איר, אָ מיין פֿאָלק, כּדי
איר זאָלט נישט האָבן קיין אַנטייל אין אירע זינד,
און אַז איר זאָלט נישט באַקומען פֿון אירע מכּות;
5 ווייל אירע חטאים האָבן דערגרייכט ביז צום
הימל, און ג־ט האָט זיך דערמאָנט אירע אומגע־
6 רעכטיקייטן. פֿאַרגעלט איר, ווי זי האָט אייך
פֿאַרגעלטן, און מאַכט עס כּפֿלי כּפֿלים לויט אירע
מעשׂים; אין דעם בעכער, אין וועלכן זי האָט
7 געמישט, זאָלט איר מישן טאָפּלט פֿאַר איר! אויף